STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05329

# ZIKHROYNES

## B. Kovner

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Rabbi Abraham & Jane Krantz*
*in memory of*
*Sadie & Sigmund Steinheimer and Rubin & Clara Kranz*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. אַדלער

פערלאג

„מאדערנע ליטעראטור"

# זכרונות

פון

## י. אדלער

שאוב פּראס. באסטאן.

# אינהאלט פערצייכניס.


| | |
|---|---|
| פאררעדע פון דוד פינסקי | 4 |
| א שיינער טאג | 9 |
| א זומער-פויגעל | 11 |
| אין חדר | 14 |
| פרייטאג צונאכט | 22 |
| שבת ביי טאג | 30 |
| שבת בין-השמשות | 35 |
| צו סליחות | 37 |
| אין טהאָל | 40 |
| א ליעבעס-טרוים | 45 |
| דער לעצטער אבענד | 48 |
| א בריעף פון דער מאמען | 52 |
| ביזט א יתום, קינד | 56 |
| צו א זילבער-וואלקען | 61 |
| איד בין קראנק | 69 |

# פאררעדע.

י. אדלער, דער דיכטער פון די פארליעגענדע „זכרונות“, איז געבארען געווארען אין א גאליצישען קליינעם שטעדטעל ביי עלטערן, וועלכע האבען געמוזט מיט ביטערען שוויים פערדיענען זייער שטיקעל טרוקען ברויט, און איז פערוואגעלט געווארען נאך אלס א גאנץ יונגער אינגעל אין די אמעריקאנער סוועט שעפער.

וועלכע ערציעהונג האט ער געקראגען ? וועלכע ענטוויקלונג האט ער דורכגעמאכט ? זיינע עלטערן אין דעם קליינעם גאליצישען שטעדטעל זיינען געוועזען פרומע אידישע נשמות, וועלכע זיינען נישט ארויסגע־גאנגען פון די ד׳ אמות פון חדר־אידישקייט. דאס איז געוועזען א צוגאב צו זייער ארמקייט, וועלכע האט גע־צוואונגען דעם קליינעם אינגעל פריה זיך נעמען צו א מלאכה. און די אמעריקאנער אידישע סוועט שעפער זיי־נען קיינמאל נישט געוועזען גינסטיג פאר א בעזונדער גוטע ענטוויקלונג. נישט איינער מיט הויכע שטרעבונ־גען, מיט א ווילען צו ווערען עפּיס אין לעבען, עפּיס מעהר ווי איין איינפאכער ברויטפערדיענער און לעבענ־מאכער, איז פערלארען געגאנגען אין דער קאכמאשינע

פון דעם שוויץ־סיסטעם. וואס האט דא געזאלט ווערען מיט דעם יונגען גאליצישען איינגעל ?

אבער י. אדלער איז געבארען געווארען מיט א נשמה יתרה. מיט א הארץ, וואס קאן פיהלען, און מיט א טאלאנט אויף צו קאנען איבערגעבען, וואס דאס הארץ פיהלט. און ער איז געווארען א דיכטער.

די הארטע ארבייט פון קינדוויים־אן האט נישט גע־טויט די נשמה יתרה אין איהם. זי האט איהם נור געגע־בען שטאף צו קלאגען, צו שעלטען, צו וועקען צום קאמפף. זי האט אפילו נישט אוועקגענומען ביי איהם די לוסט צו זינגען און צו לאכען.

די „זכרונות“־ליעדער זיינען נור א קליינער טייל פון אדלער׳ס שאפען. פאר וואס ער גיט זיי צוערסט ארויס אין א בוך־פארם, בעגרייף איך גאנץ גוט. זיי זיי־נען איהם טייער, ווי די זכרונות אליין. דער ליעבענדער זוהן צאלט צינס זיינע איניגסטע געפיהלען.

און נאך מעהר. דאס געפיהל מאכט דעם דיכטער. די „זכרונות“, האט אדלער אם שטארקסטען דורכגעלעבט און דורכגעפיהלט, און ער האט דא געפונען פאר זיינע געפיהלען, דעם שענסטען און ריהרענדסטען אויסדרוק. געוויס האט ער זיך דא גע־מוזט דערפיהלען אלס דיכטער מעהר ווי אומעדום. —

אדלער שרייבט שוין א היבש ביסעל יאהרען. זיינע ליעדער זיינען ערשיענען אויף די שפאלטען פון די פערשיעדענסטע צייטונגען און זשורנאלען אין אמעריקא

און איבער דעם ים. א סך פון זיינע לידער זיינען אויך איבערזעצט געווארען אויף אנדערע לשונות. דאך איז ער קיינמאל נישט בעמערקט און אבגעשאצט געווארען ווי געהעריג איז. אזוי איז שוין דער דרך אין דער אידישער ליטעראטור, דאס איז דאס שיקזאל פון די אידישע שריפטשטעלער. ביז די גוים בעמערקען זיי נישט, זיי־נען זיי איינגעהילט אין פינסטערניס. די מאטעריעלע נויט פון איין זייט און די אבהענגדיג מאכענדע גלייכ־גילטיגקייט פון דער אידישער קריטיק און אינטעליגענץ פון דער אנדער זייט קאנען אונטערגראבען און אבשוואַ־כען דאס טאלענט פון א דיכטער. אבער די „זכרונות“ וועלכע געהערען צו אדלער׳ס לעצטע לידער, ווייזען צווייפעללאז א שטארק שטייגען אין זיין שאפונגסקראפט. זאל דער ערפאלג פון דעם ביכעל נאך מעהר שטארקען איהם. און ער איז נאך יונג.

**דוד פינסקי**

עלבעראן, ניו דזשערסי.

...און א בענקשאפט וועקט זכרונות,
און זיי שפּראצען אויף אין דמיון
ריין און פריש ווי מארגען־ליליען
מיט דעם הימעלס־טוי בעפּערל'ט.
און עס רייסט זיך די נשמה
דארט אהין אין שטילען שטעדטעל,
אין דאס קליינע ווייסע הייזעל
וואו מיין וויגעל איז געשטאנען.

# א שיינער טאג.

א שיינער טאג, אַ פריהלינגס־טאָג,
וואכט אויף אין מיין זכרון;
א ליעבער טאָג, אַ גאָלדענער
פון מיינע קינדער יאָהרען:

איך שטיף אין אונזער גערטעלע,
די וויינשעל־בוימער בליהען;
עס פלאַמען מיינע בעקעלעך,
די אויגעלעך — זיי גליהען...

עס זאגט מיר אָן די מאַמעניו,
איך זאל זיך ניט פערגעסען:
„ווען גרייכען וועט די זון צום שטאַל,
דאַן זאל איך קומען עסען...“

דער טאַטע הערט זיך איין און קוועלט
און גיט דאביי א שמייכעל,
און זאגט מיה אָן: „למען השם!
פערקריך ניט ווייט אין טייכעל...“

# א זומער-פויגעל.

ס'איז נאך פסח. —
שיין און ווארעם איז אין דרויסען;
אין די גערטנער שטעהען בוימער,
אויסגעפוצט אין ווייסע בליטהען,
אָנגעזאפט מיט לעבענסקרעפטען,
אָנגעפילט מיט נייע כחות,
און די זאפטיג-פולע צווייגלעך
ציהען צו די בלויע הימלען.

* * *

און די זון, זי גיסט ארונטער
ליעבע שטראַהלען אויף די פעלדער,
אויף די בערג און גרינע טהאָלען,
אויף די שיינע, אויף די יונגע
בלומען-קנאָספען — —
און א לינדער פריהלינגס-ווינטעל,
ווייך און לאַסצענד ווי א סאַמעט,
האַלזט און קוסט די יונגע גרעזלעך.

* * *

און די פייגעל
מיט די גלאַנציג-גרינע טשוביקס
אויף די שוואַרצע סאַמעט קעפּלעך,

און מיט קליינע רונדע אויגלעך,
און מיט טונקעל־רויטע העלזלעך,
און מיט דינע געלע שנעבלעך,
און מיט ווייסע פוכקע בייכלעך,
און מיט גאלד־און־זאפראן פליגעל —
פייפען, פישצען, זינגען שירה — —
פליהען פרעהליך אין דער לופטען,
און זיי איילען אין די וועלדער,
און זיי טראגען אין די פיסקלעך
ווער אַ פעדער, ווער אַ בליהטעל,
אויסצובעטען זיך די נעסטער...

* * *

אַט בעווייזט זיך גאר א שיינער
רויט־געפלעקטער זומער־פויגעל;
איך און איציק —
אונזער שכן'ס איינציג אינגעל —
לויפען האַסטיג מיט די היטלען,
און מיר ווארפען זיי אין לופטען —
און ניט אַנדערש ווי נור כאַפּען
ווילען מיר דעם זומער־פויגעל...

* * *

און אַט שטעלט זיך אַף דער פויגעל
ביי דעם פּאַרקען, וואס ארום איז
אונזער גערטעל —
און מירביידע, איך און איציק,
לויפען ווידער מיט די היטלען...

אוּן עס פליהט שוין איציק'ס היטעל
צו דעם פּאַרקען —
דאס מאָל דאכט זיך איהם גאַנץ זיכער,
אז ער האט איהם שוין געפאַנגען — —
לאַנגזאַם... לאַנגזאַם... גאַנץ פּאַמעלעך
העבט מיין חבר אויף דאס היטעל...
ערשט — דאס היטעל איז גאר לעדיג...
אוּן איך לאַך מיך שטארק פאנאנדער:
לעקיש איינער! גולם איינער!
זעהסט ניט, שוטה, ווי דער פויגעל
פלאַטערט אום שוין ביי די קוסטען?...
אוּן מיין חבר, אַ פערשעמטער,
קוקט אויף מיר אַ ביסעל ברוגז,
אוּן זיין קעפּעל איז צושויבערט,
אוּן די אויגלעך זיינע גלאַנצען,
אוּן די בעקלעך, דאַכט זיך, בליהען...
אוּן דאס הערצעל העבט זיך האַסטיג,
אוּן ער סאָפּעט שטאַרק פערמאַטערט...
אוּן איך הער ניט אויף צו לאַכען,
אוּן איך רייץ איהם:
לעקיש איינער! גולם איינער!
נו, וואו איז דיין זומער־פויגעל?...

— — — — — — — —



# אין חדר.

גענוג געקלעטערט
אויף די בוימער,
יענקעלע מיין קינד;
גענוג געקייקעלט
זיך אין גערטעל,
ז'חדר שוין — געשווינד!

„גענוג געפּלושקעט
זיך אין טייכעל,
יענקעלע מיין זוהן!
פערלאז די לאָנקע
און דאס וועלדעל,
מאך א סוף דערפון!...

„גענוג געשטיפט שוין
אין די קוסטעס,
וועה איז מיר און ווינד —
גענוג געהערט שוין
פויגעל זינגען,
ביזט ניט מעהר קיין קינד...

„גענוג געקוקט שוין
אויף די שטערען
אין אַ זומער־נאַכט —
אַט נעהם דעם סידור,
געה אין חדר,
פאר א תכלית טראַכט...“

אזוי געזונגען
האט מיין מאַמע
מיר דאס בייזע ליעד...
אזים מיט פעלדער,
אוים מיט בלומען,
ווייל איך בין אַ איד...

* * *

ענג און דושנע
איז דער חדר,
און דער רבי בייז — —
און דער קאַנטשיק
דרעשט די ביינדלעך
פייעריג און הייס...

אַז איך דרעה זיך,
ווי אַ וואָרעם,
פון די הייסע שמיץ,

שלאָגט דער רבי
פעסטער, שטאַרקער,
נאך מיט מעהרער היץ...

„אַך, דו שייגעץ!“
שרייט דער רבי
באלד נאך יעדען ריס,
„וועסט שוין וויסען,
ממזר איינער,
בריקען מיט די פיס!“

צייטען פליהען,
צייטען שווינדען....
ס׳לויפט אוועק א יאהר;
ס׳קעפעל ארבייט —
ד׳בין אין סידור
שוין אין גאַנצען קלאר...

* * *

עס הייסט שוין די מאמע
מיך לערנען א דרשה,
זי קוועלט אן פון נחת
און פרייד;
איך קען שוין די דרשה...
באלד העב איך אן חומש,
עס רוקט זיך, עס איילט זיך
די צייט....

דער טאַטע, ער וויקעלט
מיך איין אין אַ טלית,
און פיהרט מיך צו דיין
אוועק;
עס געהט מיט די מאַמע,
דער זיידע, דער רבי,
מען שיט אוים מיט האפּען
מיין וועג...*)

אין שטעדטעל איז שבת,
דער הימעל איז לויטער,
עס פליהען אום טויבען
אין לופט;
פון סעדער, פון וועלדער,
פון גערטנער און פעלדער,
אַ ווינטעלע טראגט זיך
מיט דופט.

און שבת'דיג לויכטען
די געסלעך, די קרומע,
מיר קומען צום דיין
אריין;
דארט ווארטען שוין אידען,
תלמידי־חכמים,

---

*) געוועזען דאן אזא מנהג.

מיר דאכט, אז די „שכינה"
אליין...

און שטיל ווערט אין שטיבעל.
איך זאג שוין די דרשה...
די אידען, זיי זיצען
פערגאפט...
עס ציטערט מיין שטימע...
דאך איז זי מעלאַדיש,
און קלינגט מיט מתיקות
און קראפט.

די דרשה, וואס ווייטער,
ווערט העלער און ריינער,
און זאַנפטער מיט יעדווידען קלאַנג;
זי פליסט זיך און גיסט זיך
פערנאַנדער אין שטיבעל,
אזוי ווי א צויבער־געזאנג.
— — — — — — —
אבגעענדיגט איז די דרשה.
און מיין גרויער, אלטער זיידע,
איינגעקארטשעט, איינגעבויגען,
פול מיט שארפע, טיעפע קנויטשען
אויף זיין בלאסען פארמעט־פנים
און מיט טרערען אין די אויגען

נעהמט ארום מיך, און ער בענשט מיך
מיט א הייליג־גוטער ברכה:
„זאל דער טאטע און די מאמע
פון דיר פרייד און נחת האָבען,
און בעשיינען, און בעלייכטען
זאלסטו תמיד די משפּחה“...

דאן גיט מיר דער דיין
א גלעט אין מיין בעקעל,
וואס פלאמט מיט א ראזע־קאָליער,
און טיילט אוים די אידען
צו קאפּעלעך בראנפען —
זיי טרינקען לחיים צו מיר.

* * *

און ווידער א חדר,
אַ פינסטערע נאָרע...
איך זיץ און איך לערען
אַ בלעטעל גמרא.

עס שארפט זיך מיין קעפּעל
אויף דער „בבא קמא“ —
עס שמעלצט זיך פאר נחת
דער טאַטע, די מאַמע...

איך לערען „קדושין“
און „גטין“ און „ביצה“...

איך רונצעל דעם שטערען,
און קוועטש מיט דער פלייצע...

און שווער איז דער ענין — —
און ס'ווילט זיך ניט קלעהרען...
מיך ציהט גאר אין וועלדעל
די פויגעלעך הערען...

און ענג איז דער חדר —
דארט ווילט זיך ניט בלייבען...
עס רופט מיך דער פריהלינג,
די קוויטעלעך קלייבען...

דער פריהלינג, ער רופט מיך
מיט פארבען און קלאנגען —

— — — — — — — —

דאך האלט מיך דער חדר —
די תפיסה — געפאנגען...

— — — — — — — —

באלד זיץ איך אין קלייזעל,
און כאפ שוין דארט פליגען...
איך קנאק מיט די פינגער,
און ברום זיך א ניגון...

דער שמש, ער זידעלט,
און קאכט ווי א קעסעל...

עס רודערט דאס קלייזעל,
עס ציטערט דאס געסעל...

* * *

עס לויפען די צייטען,
עס פליהען די יאהרען —
איך בין שוין מיט מזל
בר־מצוה געווארען.

און ווידער א שמחה,
און ווידער א פריידע...

. . . . . . . . . .

. . . . . . . . . .

דאך הערט זיך א זיפצען:
„ניטאָ שוין דער זיידע"...

. . . . . . . . . .

. . . . . . . . . .



# פרייטאג צו נאַכט.

איך דערמאָן מיך
אויף די צייטען
פון די זיסע,
פון די ליעבע
קינדער־יאהרען,
ווען דער טאטע
האָט געלעבט נאך,
און די גוטע,
גוטע מאמע,
און די ברידער,
און די שוועסטער,
זיינען אלע
נאך צוזאמען
אין דער היים;
ווי מיר זיצען
אין א שבת
ביי דעם גרויסען
טיש, דעם לאנגען,
און די מאמע
קוקט מיט ליעבשאפט

אויף די קינדער,
אויף דעם טאטען,
און איהר פנים
שטראהלט פון נחת —
. . . . . . . . .
אך, פערשוואונדען
זיינען יענע
קינדער־יאהרען
ווי א טרוים...

* * *

איך דערמאן מיך:
ווי דער טאטע
זיצט און שפיעלט זיך
מיט דעם קוטאס
פון זיין גארטעל,
און די אויגען
זיינע לויכטען
מיט א הייסער,
טיעפער ליעבע,
און די שווארצע
בארד, די לאנגע —
וואר־ניט־וואו א
זילבער־הארעל —
גלעט ער מיט די
פינגער זיינע;

און די מאמע,
מיט א זיסען,
מילדען שמייכעל
אויף איהר ווייסען
צארטען פנים;
מיט א ברוסט־טוך
אויף איהר הארצען,
אויף איהר קאפּ —
א שטערען־טיכעל,
אויסגעפלאכטען
פון רובינען
און פון פּערעל,
אין א בלויע
זיידען קליידעל,
מיט א ברייטען
אטלעס־קאפּטעל —
און עס פיהלט זיך
ווי אין שטיבעל
שוועבט ארום די
מלכה שבת...

* * *

העל, און ליכטיג
איז דאס שטיבעל,
און דער אלקער,
און דאס גערטעל,
און דאס קליינע

ווייסע הייזעל,
פון די זיבען
זולב־ליכטלעך,
וואס זיי ברענען
שטיל און היילינ
מיט א געלען,
מיט א ווייכען,
פרומען שיין...
און די דינע
פלאמען־צינגלעך
ציהען רוהיג,
וואקסען העכער
פון מנורה,
מיט א ציטער,
מיט א פלאטער,
און זיי וויגען
זיך אין לופטען —
און דעם טאטענס
קידוש־בעכער
בלאנקט ווי פייער,
און ער פינקעלט
גאלדען־ריין...

* * *

נאך דעם עסען
נעמט דער טאטע
זינגען זמרות;

און זיין זיסער,
ווייכער ניגון
קלינגט מיט שמחה,
טיעף פון הארצען.
און מיר, קינדער,
יונגע שטיפער,
העלפען פרעהליך
מיט דעם טאטען —
און דער זמר
ווערט אלץ העכער,
און די קלאנגען
פעסטער, שטארקער,
און עס באמבעלם
צו דער טאטע
מיט די פינגער
אויף א טעצעל;
און די טעלער,
און די מעסער,
און די גאפּלען,
און דער בלאנקער
קידוש־בעכער,
זינגען, דאכט זיך,
מיט דעם ניגון...

* * *

נאך די זמרות
געהט דער טאטע

צו צום גרויסען
אלמער ספרים,
וועלכער שטעהט זיך
אין א ווינקעל
שוין פון לאנגע,
אלטע יאהרען —
און ער נעהמט פון
דארט א ספר,
און ער זעצט זיך
ביי דער מנורה
און זיין שווארצע
בארד, די לאנגע,
שפרייט זיך אויס׳עט
אויף די בלעטער...
ער פערטראכט זיך,
און פערטיעפט זיך,
און א זיסער
גמרא־ניגון
טראגט זיך אום אין
קליינעם שטיבעל...

. . . . . . . . .

און מיר קינדער
זיצען אלע
מיט דער מאמען
אין דעם גרינעם

שטילען גערטע'ל,
און דער הימעל
איז א טיעפער
און א בלויער,
פון די שטערען
פאלען דינע
זילבער־שטויבלעך
אויף די בוימער,
אויף די בלעטער,
אויף די יונגע
צוקער־שויטען...

* * *

און דער טאַטע
זיצט אין שטיבעל
אלץ פערטיפט נאך
אין דעם ספר,
ביז די ליכטלעך
פון דער מנורה
נעמען צאַנקען,
נעמען גוסס'ען...
און זיי ווארפען
שווארצע שאטענס
אויף די בלעטער
פון דעם ספר...
ביז די לעצטע,
לעצטע כחות

לעשען אוים זיך...

. . . . . . . . .

און אין שטיבעל
איז שוין פינסטער...
און דער טאַטע
מיט דעם ספר
קומט ארויס צו
אונז אין גערטעל.

* * *

שטילער, שטילער,
ווערט אין דרויסען
און דער הימעל —
טיעפער, בלויער;
און די שטערען
פינקלען העלער;
און מיר דאכט זיך,
אז א גוטער,
גוטער חלום
וויקעלט אונזער
גערטעל איין...



# אַ שבת ביי־טאג.

נאכ'ן וואַרמעס...
אבגעזונגען אלע זמרות
און עס האלטען שוין נאך דעם בענשען —
דעמאלט געהט דער טאַטע שלאפען
און געניסען עונג שבת, —
טוט זיך אוים דאס ווייס כאלאטעל
מיט די טונקעל־בלויע קוויטען,
הענגט אריין דאס אין דער שאַפע,
גלעט זיך אוים דעם בארד בנעימות,
ציהט פון דארט ארויס א הארעל,
געהט דאן צו צום ספרים־אַלמער,
נעהמט ארויס איין „עין־יעקב",
לעגט דאס האָרעל אין די בלעטער,
שטעלט צוריק אַוועק דעם ספר,
געהט פאמעלעך צו דעם בעטעל,
שלעפט פון דארט ארויס א קיסען,
לעגט אוועק דאס אויף דער סאפע,
ציהט זיך אוים און ווערט ענטשלאפען.

און א זונען־שטראהל א העלער,
ווי א ליכטיג גאָלדען שלענגעל

קומט אראָב פון הויכען הימעל,
דרינגט אריין אין אונזער שטיבעל,
פויזעט, קלעטערט צום געלעגער,
קריכט דעם טאַטען אויף דעם פנים,
גלעט און קוסט דאס רעכטע אויער,
שפּיעלט זיך מיט זיין שווארצער פאה...

* * *

און די מאַמע רוימט די כלים
פון דעם לאַנגען טיש ארונטער,
און פערשפּרייט דאס רויטע טישטוך
מיט די לאַנגע שיינע פרענזלעך,
טוט זיך אן דאס ווייסע פארטוך
אויף דאס פּאַפּעלאַטע קליידעל,
אויף דעם קאָפּ דאס זיידען טיכעל,
זעצט אַוועק זיך ביי דעם פענסטער
און הערבט אן דעם חומש לייענען
מיט אַ האַרציג־שטילען נגון...

* * *

און איך לויף ארוים אין געסעל —
אין דעם געסעל טרעף איך איטשקען,
אונזער שכן׳ס איינציג איינגעל —
און מיר געהען אין דעם חדר,
אין דער ענגער, דושנער נאָרע,
צו דעם רבי׳ן פרק זאגען...

נאך דעם פרק פיהרט דער רבי
אונז אוועק אין אלטען קלייזעל
זאגען תהלים און מעמדות,
„גלייך מיט אַלע גרויסע אידען“...

* * *

און מיר געהען... פון דער ווייטענס
אויף די פעלדער שטעהען גאַרבען,
אויסגעשטעלט אין גלייכע שורות,
ווי א סטאַדע פעטע שעפסען, —
ערסט ארויס פון שניטערס קאָסע...
און אָט זעהט זיך פאַן דאמבראָווסקי'ס
ברייטע, לאַנגע האָפען-פעלדער,
אויף די הויכע דינע שטאַנגען
שלענגלען זיך די האָפען-צווייגלעך
פול מיט קליינע ווייסע בלימלעך.
און עס ציהט מיך, און עס רופט מיך
ווי מיט טויזענד צויבער-שטימען,
דאָרטען צו די האָפען-פעלדער,
צו די נאָהנטע קליינע גערטלעך
מיט די יונגע פלוימען-בוימלעך,
און מיט הויכע קוקורוזעס
און מיט זיסע ארבעס-שויטען.

אויך דער „סאַנא“ מיט זיין קלארען
בלויען וואסער, רופט מיך ליעבלעך
טוקען זיך אין זיינע וועלען.

שווימען, שטיפען, דארטען שפּיעלען,
ווארפען שטיינדלעך, מאַכען „קאטשקעס“,
און זיך פּלושקען מיט חברים...

* * *

אַט בעוויזט זיך שוין דאס קלייזעל...
אלטע גרויע ברודנע ווענטלעך,
און אַ גרין בעוואַקסען דעכעל,
בלאטיג-קליינע שמאלע שויבלעך.
און אַ פּאר צודרעהטע טרעפּלעך
פיהרען אונז אויף קרומע ווענלעך
אין דער פינסטער... ביז מיר קומען
אין דאס ענגע דומפּפּע קלייזעל,
וואו די לופט איז פול מיט חלב, —
און מיט שטויב דאס ביסעל ספרים,
וואו פערצויגען מיט א שפּינוועבס
איז דער אלטער ארון-קודש...
און עס מוטשעט זיך דאס פלעמעל
פון דעם הייליגען „נר-תמיד“...

און ר׳ נחמן דער מלמד
שטעהט ביים עמוד, זאגט דעם תהלים,
זאגט א פּסוק-נאך-א-פּסוק,
און די בלייכע תהלים-זאגער
כאַפּען אונטער יעדען פּסוק — —
און דאס זשומען, און דאס הודזשען
טראגט זיך אום אין דושנעם קלייזעל,

און מיר דאכט זיך, אז פערזאמעלט
האבען זיך דא ניט קיין מענשען,
נור א גרויסע מחנה בינען...

———————————————

און איך פיהל זיך ווי א פויגעל
ערסט פון גרינעם וואלד געפאנגען...
און אין הערצעל צוקט א בענקשאפט...
ס׳ציהט מיך צו די הויכע סאסנעס:
הוידען ווילט זיך אויף די צווייגען,
אין דעם שאטען פון די בלעטער,
שוועבען איבער בערג און טהאלען,
איבער ווייץ־און קארן־פעלדער,
פליהען צו די גרויע טויבען
דארט אויף דוד רופא׳ס גאניק,
און זיי ברייגנען פרישע זשארקעס,
און זיי הערען פרעהליך ווארקען...

* * *

אויפגעוועקט האט מיך דער רבי
פון מיין זיסען ליעבען חלום — —
„שייגאץ איינער, עכברש איינער!
ווייסטו דען ניט גרויסער גויאץ,
אז ביים תהלים טאר א אינגעל
גאר ניט קלערען, גאר ניט טראכטען?!“

# שבת בן-השמשות.

ער געהט שוין אוועק זיך,
דער הייליגער שבת,
אין שטיבעל ווערט פינסטער,
אין שטיבעל איז שטיל;
עס שעפטצעט די מאַמע:
„אַך גאָט פון אברהם" —
זי שעפּטצעט די תפלה
מיט האַרץ און געפיהל.

„אַך גאָט פון אברהם,
פון יצחק, פון יעקב,
פערנעהם דאָך מיין תפלה
אין הימעל'ס-געצעלט —
און שיק מיר פרנסה,
און ריכט אויף מיין מזל
און ליכטיג זאָל ווערען
מיין פינסטערע וועלט..."

עס דונקעלט דער הימעל,
עס ציהען זיך וואלקענס,
אין שטיבעל איז פינסטער
און אומעדיג, שטיל — —
נור ערגיץ אין ווינקעל,
פערשטופט אין א שפּאַרע,
דאָרט טשירקעט, און טשירקעט
פערבאָרגען אַ גריל...

# צו סליחות.

א יונגער זילבער־פּרעסטעלע
איז אויף דער ערד פערשפּרייט;
עס שלאָפט דאס קליינע שטעדטעלע...
איין אלול־ווינטעל וועהט.

דער הימעל און די געסעלעך
זיי סוד'ען זיך פערטראַכט —
די שטערענדלעך, ווי דימענטלעך,
זיי לייכטען צו דער נאַכט.

און איבער אַלע הייזעלעך
איז אויסגעשפּינט א סוד —
מיר דאַכט, די שטילע־פּרומע נאַכט,
זי שושקעט זיך מיט גאָט...

* * *

ווי א דונקעל־גרויער שאָטען
האלב־פערשלאָפען, שטום,
איינגעהויקערט — אין די געסלעך
געהט דער שמש אום.

און ער האָמערט אין די טוירען,
האַמערט אָהן א סוף — —
קלאַפּט אין לאָדענס, וועקט דעם עולם,
רייסט איהם אויף פון שלאָף...

* * *

עס נעמט זיך בעוועגען
אין שטיבעל ביי אונז,
דאס פלעמעל פון לעמפּעל קוים זשיפּעט...
עס רייסט אפּ די מאמע
דאס קינד פון דער ברוסט —
דאס עופ'על וויינט און עס כליפּעט...

איך געה מיט דעם טאַטען
צו סליחות אין שוהל,
און פאראוים שפּאצירט אונזער שאָטען...
דאס פרעסטעלע שימערט,
און פינקעלט און גלענצט,
ווי זעמדלעך פון דימענט צושאָטען...

* * *

און אין שוהל איז העל און ליכטיג — — —
און אַ הייליגקייט א שטילע
שוועבט ארום אין מקום־קדוש,
זאפּט זיך איין אין יעדע תפלה...

און דער אַלטער פרומער נוסח
פול מיט טרויער און מיט אומעט,
רייסט פון שוהל זיך מיט תחנונים,
טראגט אין שטעדטעל זיך, און זשומעט...

יענע תפלות, יענע סליחות,
קלינגען היינט נאך אין זכרון — —
— — — — — — — — — — — — — —
אך דער זיסער טרייסט און האָפען
פון די ליעבע קינדער־וואהרען!...



# אין טהאָל.

גאלד־געטונקטע פורפור־שטרייפען
הילען, וויקלען איין די וועלדער,
און די שפיצען פון די בוימער
גלענצען, פינקלען, לויכטען פרעכטיג
אין די לעצטע אבענד־שטראהלען,
פול מיט צויבער, פול מיט פראכט —
און די שטילע, און די קיהלע,
פייכטע, גרינע, טיעפע טהאָלען
ווערען דונקעל, און עס דאכט זיך,
אז זיי ליגען אין די שאָטענס
איינגעוויקעלט,
ווען דאס ווינטעל ברייננגט א בשורה
פון דער נאכט...

און די רויטע פורפור־שטרייפען
פויזען, קריכען באלד ארונטער
פון די הויכע בוימער־שפיצען;
און די פויגעל ווערען שטילער,
און דאס ווינטעל פרישער, קיהלער,

פול מיט בשמים, פול מיט דופט.
און עס פלעכטען זיך פערנאנדער
מיט א הייליג־זיסען צויבער
ווייכע, גרויע, טיעפע שאטענס
אויף די פעלדער, אויף די טייכען,
און עס דאכט זיך, אז מלאכים
שוועבען רוהיג אין דער לופט...

אט בעווייזט זיך שוין מאריושע,
א געזונטע, א ברונעטע,
שטארק־געבויטע בויערן־מיידעל
מיט א כרענצעל בלויע בלומען,
מיט א בינטעל פרישע גראזען,
טרייבט די סטאדע פון דעם פעלד;
און די אויגען איהרע לויכטען,
ברענען, רופען, רעדען, צערטלען,
ווי א ווייכער, גלאטער סאמעט,
פול מיט ליעבע, פול מיט פייער...
און זי איילט זיך אין איהר הייזעל,
אין איהר שטיל און קליין געצעלט.

דארטען ווערט זי שוין ערווארטעט
פון איהר ליעבען שיינעם פאסטוך,
פון דעם שטארקען פון דעם שלאנקען,
פון דעם גוטען טרייען וואסיל,

וואס זי ליעבט איהם אזוי ברענענט,
אזוי גליהענד, אזוי ווילד...
יעדען אבענד קומט איהר טרייער,
ליעבער, גוטער, שיינער וואסיל
אין איהר שטיבעל אין דאס שטילע,
און ער קוסט זי, און ער האלזט זי,
אזוי ליעבליך, אזוי צערטליך,
אזוי הארציג טריי און מילד...

און ביים פענסטער
פון איהר הייזעל
אין די לאנגע
ווייכע שאטענס
ביי די גרינע,
פייכטע קוסטעס,
שטעהט א אידיש
בלייכעס אינגעל,
אנגעזאפט מיט
טיעפער קנאה,
און ער פיהלט זיך
שטארק געקרענקט —

ער פערגינט ניט
אט דעם שטאלצען,
דעם געזונטען

שיינעם פּאַסטוך,
וואָס ער קוסט זיך
מיט מאַריושען —
דער ברונעטער
בויער׳ן מיידעל,
און זיין יונגעם
הערצעל צאַפּעלט,
עפּעס וויל עס,
און עס בענקט...

. . . . . . . .

ווי אויף גרויסע ברייטע פליגלען,
אויסגעוועבט פון בלויע פעדים,
ווי פערצויגען מיט טומאַנען,
קומט א שטילע נאַכט אַרונטער,
און זי שפּרייט זיך, און זי לייגט זיך
אויף די הייזלעך פון דעם טהאָל;
און די ווייסע קליינע שטיבלעך
ווערען דאַכט זיך נאָך געדיכטער;
הינטער שמאַלע שוואַרצע שייבלעך
צינדען אָן זיך בלייכע ליכטלעך —
אויך דער הימעל צינדט אָן שטערען,
זילבער־שטערען אָהן אַ צאָהל.

און אַ זאַנפטער לינדער ווינטעל
טראָגט פאַנאַנדער זיסע ריחות

פון די גערטנער, פון די וועלדער
פון די גרינע זאנגען־פעלדער,
פון די ווייטע, ברייטע לאַנקעס
וואו עס פאשען זיך די שאָף;
און ער וויספערט, און ער שעפּטשעט
שטילע סודות צו די בוימער,
צו די יונגע פרישע צווייגען,
און ער שלעפערט איין די מענשען
אין א זיסען, זיסען שלאָף...



# אַ ליעבעס-טרוים.

ווי די שענסטע ריינסטע בלומען
שפּראָצען אויף די ערשטע טרוימען,
ווען די ליעבע, און די יוגענד
האט ערוואכט און דאַן צוגליהט זיך
אין אַ הייליג־שטילען פייער...

און דער דמיון האט גענומען
צו די הויכע וואלקענס שוועבען —
אויסגעפלאָכטען כשוף־בילדער
פון די העלסטע זונען־שטראהלען.

און דאס הערצעל האט גענומען
מאָדנע קלאַפּען... מאָדנע צאַפּלען...
און פערגאַנגען איז דאָס הערצעל
אין איין אומעט, אין אַ בענקשאַפט,
אין אַ זיסען, זיסען טרויער...

. . . . . . . . . . . . .

ווי די רייגסטע מאָרגען־ליליען,
מיט דיים הימעל׳ס טוי בע׳פּערל׳ט,

בליהען אויף אָט די זכרונות
פון מיין יוגענד, פון מיין ליעבע...

ס'איז געווען אַ נאַכט, אַ שטילע...
ווי בריליאַנטען האָבען שטערען
אומגעבלאַנדזשעט און געציטערט,
און געוואונקען, און גערופען
מיך, מיט חנה'ן פון דעם שטעדטעל —
און מיר געהען, בגנבה,
דארטען, וואו די שטערען רופען...

און אַ קרומע, שמאָלע סטעשקע,
ווי אַ לאַנגער ווייסער שלענגעל,
דרעהט זיך, בויגט זיך און פערפיהרט אונז
דארטען צו די גרינע לאזעס,
וואו דאס שטעדטעל שניידט הושענ'ת,
און דאס שטילע טייכעל בורבעלט...

איך מיט חנה'ן זיצעןביידע
ביי די יונגע גרינע לאזעס,
און די הערצער קלאַפּען מאָדנע
מיט אַ זיס און היים פערלאַנגען...
. . . . . . . . . . . . . .

פון דער וויטענס אלע הייזלעך
פון דעם קליינעם, שטילען שטעדטעל,

ליעגען ווי צונויפגעפלאָכטען —
אין די גראָזען צוקען פליגען,
אין די זומפּען קוואַקען זשאַבעס,
און דאס טייכעל ביי די לאָזעס
דאַווענט שטיל, איז זיך מתפלל...

פול מיט גאָלד־געשפּינטע טרוימען
און מיט סודות׳דיגע קלאַנגען
איז די העלע נאַכט געוועזען —
גאַנץ פּאַמעלעך לעשט דאס שטעדטעל
אוים די ליכטלעך... און איך פיהל, ווי
חנה פלאַטערט... ווי זי ציטערט...
און מיר דאכט זיך, אַז דער הימעל
האָט פערלאָשען דאן צוויי שטערען,
ווען עס האָבען חנה׳ס אויגען
אָנגעצונדען זיך מיט ליעבע...

# דער לעצטער אָבענד.

אַ ענער קאַלטער ווינטער־אבענד
ווי־קעלט זיך פאנאנדער
ווי אַ קנויל אין מיין זכרון
פול מיט מרה־שחורה:
ס'גרויע לאדענדעל ביים פענסטער,
פון דעם ווינד געטריבען,
ווארפט זיך, הוידעט זיך און ציטערט —
ווי ס'וואלט האבען מורא...

ס'רייסט דער בייזער ווינד דאס דעכעל
מיט א ווילדען ברומען —
ס'העפט דער פראסט אויס אויף די שויבלעך
טויטע זילבער־בלומען...

פונקט ווי ווייסע קארשען־בליטהען
פלאַטערען די שנעען;
זיילען הויכע, ווי די טורעמס
ווירבלען זיך און דרעהען...

ווי פערגליווערט פול מיט אימה
קוקט אראָפּ דער הימעל...
ווי פערזונקען ליגט דאס שטעדטעל
אין אַ מידען דרימעל.

נאר דאס לאדענדעל ביים פענסטער
טרייבט זיך אלץ ארום'עט...
ס'דרינגט די בלינדע נאַכט אין הארצען,
טובל'ט עס אין אומעט...

אין דעם קליינעם שטיבעלע
ס'לעמפּעלע נאך זשיפּעט...
אויף דעם בעט די מאַמע זיצט,
קוקט אויף מיר און כליפּעט...

דער טאַטע האלט א ספר'ל
מיט פערגעלטע בלעטער...
ער זיצט און זיפצט, און מורמעלט אוים:
„שרעקליך איז דער וועטער!"...

ד'פערלאז דאס ליעבע שטעדטעלע
פון די קינדער־יאָהרען,
דאס קליינע שטילע שטיבעלע,
וואו איך בין געבארען...

איך בליק אין אַלע ווינקעלעך,
די טרויעריגע, די שטומע —
אַ הייסע בענקשאַפט צאַפּעלט אויף
און רייסט מיר די נשמה...
. . . . . . . . . . . .

גרויען נעמט דער קאַלטער מאָרגען...
די מענשען האלב־דערפרוירען,
קריכען לאַנגזאַם פון די בעטלעך —
עס סקריפּען שוין די טויערען...

דער בעל־עגלה איז שוין דא —
אַ איד שוין אין די יאָהרען,
זיין בארד מיט שטיקלעך אייז בעדעקט —
און פארטיג שוין צום פאהרען...

איך דאַווען אָפּ... אין הארצען קלעמט...
די מאַמע גיט מיר עסען;
דאס לעצטע מאָלביים טאַטענס טיש...
איך וועל דאס ניט פערגעסען...

דער טאַטע וויינט... „בעטראַכט, מיין קינד,
ווי עלענד מיר פערבלייבען — — —
מיר זיינען אַלט... מיר זיינען שוואַך...
דו זאלסט וואס אָפטער שרייבען“...

איך נעהם ארום זיין גרויען קאפּ,
און וואַש איהם אָפּ מיט טרערען...
איך קוש איהם היים... איך קוש איהם אוים
די קנויטשען פון זיין שטערען...

די מאמע דריקט מיך צאַרט צום ברוסט —
איהר קאָפּ אויף מיר געבויגען —
עס קאַפּען טרערען מיר אין האלז
פון איהרע אַלטע אויגען...

„מיין טייער קינד... מיין טרייער זוהן...
און פאָהר געזונד... מיין ליעבער...
פּאַס אויף מיין קינד... און ניט פערגעס,
אַך, וואו דו לאזט אונז איבער" — — —

. . . . . . . . . . . .

# אַ בריעף פון דער מאמען.

ב׳שרייב דיר, ליעבער זוהן געטרייער,
אז דיין טאַטע ליעגט אַ קראַנקער,
און איך האב ניט מעהר קיין מיטלען
איהם צו העלפען, איהם צו רעטען
פון זיין קריינק —
׳ך האָב פער׳משכנ׳ט
שוין דאס הייזעל און דאס גערטעל,
און דעם אַלמער מיט די ספרים,
און די גרויסע שבת־לייכטער,
און דאס קליינע ביסעל קופער,
און דעם טאַטענס קידוש־בעכער,
און זיין גאָלדען בשמים ביקסעל,
און דאס גאַנצע ביסעל צירונג —
אַלעס, אַלעס איז פער׳משכנ׳ט...

„אוי, זיין שווערע, לאַנגע קראַנקהייט
האט פערשלונגען אָט דאס אַלעס...
און די צרות, און די ליידען
ווערען גרעסער, וואס פון טאָג.

„זוהן געטרייער! הארציג קינד מיינס!
ד׳בעט דיך זעהר, אפשר קענסטו
עפּעס שיקען פאר דיין אלטע,
ק׳־אָנקען טאַטען? — האב רחמנות...

„זוהן געטרייער! האב אין זינען,
אז פאר געלדער קענסטו אַלעס,
אַלעס קויפען — נור אַ טאַטען
און אַ מאַמען קענסטו פאר די
גרעסטע אוצרות, פאר מיליאָנען
און מיליאַסען געלד ניט קריגען —
ווען דער טאַטע זאל חלילה...
אך... די טרערען...
ווי זיי קאַפּען...
ווי זיי רינען...
ווען דער טאַטע
זאל חלילה...
שטאר... א יתום
בלייבען וועסטו
טייער קינד...

. . . . . . . . . .
. . . . . . . . . .

„האב רחמנות...
העלף דיין מאַמען,
העלף דיין טאַטען

אין דער שווערער,
אין דער גרויסער,
גרויסער נויט...

* * *

„היינט בעגינען—מעגסט דאס הערען —
ווען דער הימעל ווייט אין מזרח
האט גענומען ווערען גרויער,
און געשלאפען איז דאס שטעדטעל —
האט דיין טאטע מיט א שוואכער,
שטילער שטימע מיך צום בעטעל
צוגערופען, און דערצעהלט מיר,
אז גע׳חלום׳ט האט א גוטען,
זיסען חלום ער פון דיר:

„ביזט פון ווייטען לאנד געקומען,
צו זיין בעטעל צוגעגאנגען,
און געפרעגט: זאג מיר טאטע,
וואס עס פעהלט דיר? אפשר קאן איך
עפעס העלפען, דיר דיין קראנקהייט
מאכען גרינגער? איך וועל וואכען
ביי דיין בעטעל טאג ווי נאכט —
און דו האסט זיך איינגעבויגען
און געקוסט זיין פארמעט־פנים,
און די קנויטשען פון זיין שטערען,
און די מאטע, קראנקע אויגען.
און זיין אלטען קאפ, דעם גרויען...

און דו האָסט זיך שטאַרק צויאָמערט,
און דאָס קיסען, וואס געלעגען
איז צוקאָפּענס, איז געווארען
נאַס פון דיינע הייסע טרערען...
דאן האט ער זיך אויך צוכליפּעט,
און געהאַלזט דיך, און געקוקט דיך —
יעדעס אבר, יעדעס ביינדעל...
און פאר שמחה, וואס ער זעהט דיך,
האָט זיין פנים אויפגעשטראהלט...

און דאָס ענדע פון דעם חלום,
זאגט דער טאַטע, איז געוועזען,
וואס דו האָסט איהם צוגעשווארען:
אַז דו וועסט אונז ניט פערגעסען —
ניט דיין קראַנקען אַלטען טאַטען,
ניט דיין טרייע ליעבע מאַמען,
און מיט אַלע דיינע כחות
זעהן צו העלפען זיי אין נויט...

* * *

הארציג קינד מיינס!
האב רחמנות...

. . . . . . . . . . . .

# ביזט אַ יתום, קינד.

הארציג קינד מיינס!
פיעלע וואכען און חדשים
איז דער טאַטע קראַנק געלעגען;
זיך געמאַטערט אין יסורים,
און אין גרויסע, שווערע ליידען
אויסגעהויכט זיין לעצטען אָטעם...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

„ביזט א יתום, קינד...
האסט שוין מעהר קיין
טאַטען ניט...
ניט פערגעס דארט
קדיש זאָגען,
טייער קינד...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

„איך, דיין מאמע, בין געבליבען
ווי א בלעטעל
אין דעם קאַלטען, ווייסטען אָסיען,
פון דעם בייזען ווינט געטריבען...
איין אלמנה...

קראַנק און שוואך, און אָהן אהיים
אויף דער עלטער, פון די קינדער ווייט...

בשעת דעם טאטענס לאנגע קראנקהייט
האב איך אַלץ, אוי, אָנגעווענדעט —
רק געשטאַנען ביי זיין בעטעל,
ניט געגעסען, ניט געשלאפען
נור געהיט איהם, און געוואַכט איהם...
גרינגער מאַכען זיינע ליידען,
זיינע שווערע, טיעפע ליידען
האב איך נור געוואלט...

* * *

„דו געדענקסט נאך דוד רופא,
וואס געוואָהנט האט אויפ'ן בערגעל?
אין דעם קליינעם
אַלטען הייזעל
מיט די שמאָלע
קרומע פענסטער,
קעגענאיבער הערשעל דיין —
דו געדענקסט איהם?
גאַנצע טעג און לאַנגע נעכט
איז ער ביים טאַטענס בעט געזעסען,
פון דעם הויז ניט אָפּגעטרעטען —
און דעם טאַטען העלפען ניט געקאָנט — — —

„פאר דער גסיסה האט דער טאַטע
אַ טיעף־שווערען זיפץ געגעבען,
די ליעבע קינדער ביי די נעמען
אָנגערופען...
אין די ווינקלען פון דעם שטיבעל
זיינע בליקען אומגעוואָרפען...
און דיין נאמען, מעהר ווי אַלע,
האט אויף זיינע טויטע ליפען
אומגעבלאַנדזשעט...

* * *

באַלד גענומען האט ער כאָרכלען...
ווי אַ זעגעלע אַ קליינע
וואלט אין האַלז ביי איהם
געלעגען... און געכריפעט...
שווער און טעמפּ האט
זיך זיין ברוסט געהויבען.
אויף די בלאַסע, קאַלטע ליפען
האט אַ שוים ארויסגעטרעטען,
זיך געבלעזעלט...
און געזאָטען...
ביז דער בורא
האט זיין לעבען
ווי א ליכטעל
אויסגעלאָשען..."

. . . . . . . . . . . .

אַ יתום בין איך...
אַ קראַנקער יתום...
פערוואגעלט בין איך...
פערווארפען בין איך
פון דעם פרישען קבר...
ווייט פון דער מאַמען,
פון מיין ליעבער גוטער מאַמען...
דאך זעה איך זי...
אט שטעהט זי, די מאַמע,
מיט פערוויינטע אויגען...
אַ בילד פון טיעפען טרויער
דעם גרויע־קאָפּ געבויגען
לעבען מאַטענס קבר,
און זי כליפעט דאָרטען
דאַכט זיך א געבעט...

און ארום די קברים
קראַקען אָפּ פון ראבען,
פון די שווארצע כראָהען
קאַלטע טויטע ליעדער...
פוילע אָסיען־טענער,
גוסס׳דיגע־קלאנגען,
טרויער־מעלאדיען —
און זי שטעהט און בעט...

* * *

עס טראגט מיך דער דמיון
אַהין אין מיין שטעדטעל,
צום אַלטען בית־עולם,
דעם קבר בעזוכען...
און דארט זעה איך ווערבעס
מיט צווייגען פערוויינטע
וואס שטעהען פער׳אבל׳ט,
פעראומערט, פערטראַכט...
און א ווינט, א שארפער
שנייט די שטומע בוימער,
רייסט און פליקט די צווייגען,
טראגט אַוועק די בלעטער...
און ער פייפט זיך אונטער
אַ בית־עלמין ניגון...
און מיט טיעפען יאוש
פלעכט זיך אוים די נאַכט...
. . . . . . . . . .

# צו אַ זילבער־וואלקען.

זילבער־וואלקען!
פעריל־וואלקען!
נישט געאיילט זיך,
נישט געלאפען,
שטעל זיך אב נור
אויף א רגע —
ד'וויל א טובה
ביי דיר בעטען:

ווען דו וועסט נור
איבערשווימען
יענע הויכע
בלויע פעלזען,
וועלכע דרעמלען
אין די נעבלען;

**און די פעלדער**
מיט די יונגע
קאָרען־זאנגען ;
און די טייכלעך
מיט די דראבנע
זילבער־וועלען ;
און דעם גרויסען
ים, דעם טיעפען —
זאלסטו קומען
אין מיין שטעדטעל
אין דאס שטילע,
אין דאס שיינע,
וואו די ווייסע
קליינע הייזלעך
מיט די גרויע
שינדעל־דעכער
שטעהען אין די
גרינע גערטלעך,
אויסגעצירט מיט
קארשען־בוימער,
עפעל־בוימער,
בארען־בוימער,
און מיט הויכע,
און מיט שלאנקע
טאנען־בוימער.

דאָרטען, אין דעם
שטילען שטעדטעל,
אין א הייזעל,
האַלב צובראָכען,
מיט פערקלעבטע
קליינע שויבלעך,
מיט א ברונען
אין דעם גערטעל,
און א קאַשטאַן־
בוים ביים ברונען,
און איין עפּעל־
בוים ביים פענסטער —

אָט, אין דיעזען
אַלטען הייזעל
זיצט מיין אַלטע
טרייע מאַמע,
מיט פערוויינטע
קראַנקע אויגען,
און מיט קנייטשען
אויף דעם פּנים,
און מיט בלאַסע
טויטע ליפּען,
און א האַרץ מיט
טיעפע וואונדען —
איין אַלמנה

א פערצאגטע, — —
ווען דו וועסט, אָה,
זילבער־וואלקען,
זעהן מיין ליעבע
גוטע מאמען,
גרים איהר הארציג
אין מיין נאמען.

און פערגעס נישט,
זילבער־וואלקען,
איהר צו זאגען:
אז מיר בייענקט זיך
נאך דעם שטילען,
נאך דעם ליעבען
קליינעם שטעדטעל,
וואו מיין וויעגעל
איז געשטאנען,
וואו זי האָט מיך
איינגעשלעפערט
מיט א זיסען
קינדער־ליעדעל...

אויך פערגעס נישט,
זילבער־וואלקען,
איהר צו זאגען:
אז די צייטען

זיינען שווערע...
אז איך קאן איהר
היינט נישט העלפען —
ווען די צייטען
וועלען ווערען
עטוואס בעסער,
עטוואס גרינגער,
וועל איך זיכער
נישט פערגעסען
איהרע לעצטע
ביסעל יאהרען
צו פערזיסען...

זילבער־וואלקען,
פעריל־וואלקען,
זאג מיר, וועסט דו
נישט פערגעסען
אלעם, אלעם
איבערגעבען
מיין געטרייער
גוטער מאמען?...

# איך בין קראנק...

איך בין קראנק
אונ שוואך... און
דאך נאך יונג...
און דאס לעבען
צאנקט אין מיר;
עס געהט אויס,
און פערלעשט זיך,
ווי א קליין־שוואך
לעמפעלע...

אך, איך בין קראנק...

. . . . . . . . . . .

דאס לעבען שווינדט,
ניטא קיין קראפט,
און לעבען ווילט זיך,
אזן ליעבען ווילט זיך...
און זיין געליעבט —
הייס געליעבט...

אך, איך בין קראנק...

. . . . . . . . . .

איך פיהל, עס קריכט
ביי מיר אין ברוסט
ארום א שלאנג...
א קאלטע, פייכטע
שלאנג...

און די קאלטע שלאנג
מיר דאכט:
האָט אין ברוסט ביי מיר
איהר נעסט געמאכט...
און זי ליגט דארט,
ווי א שווערע קנויל
צונויפגעדרעהט...
און זי נאגט...
און זי דריקט...
און שפייט מיט סם...

. . . . . . . . . .

אך, איך בין קראנק...

. . . . . . . . . .

איך פיהל מיין סוף —
די נשמה צאנקט,
און געהט אוים
א געפייניגטע,

א פערבענקטע,
אהן א מאמעס טרער,
אהן א טאטענס זיפץ,
אהן א חבר׳ס קרעכץ...
אהן א בלימעלע,
אהן א קוויטעלע,
אהן א העלען
זונען־שטראהל...

. . . . . . . . . . .

...איך בין קראנק...

. . . . . . . . . .

איך געה אוים
אין א פרעמדען לאנד, —
אין א בייזען לאנד,
ווייט פון מיין שטעדטעלע
פון דעם קליינעם, שטילען
ליעבען שטעדטעלע...

און דאס לעבען צאנקט,
און פערלעשט זיך
ווי א פלעמעלע...
און אויסגעהן וויל
דאס פלעמעלע
ניט אין פרעמדען לאנד —
פערלאשען וויל עס ווערען

אויף דער מאַמעס שוים,
אויף דעם טאַטענס הענד...
אין דעם קליינעם שטיבעלע,
אין מיין שטעדטעלע,
צווישען אייגענע...
און האַלזען... קוסען...
זיי אַרומנעהמען, ווי
מיט צוואַנגען פעסט...
צוטולען מיין הייסען
מידען קאָפּ צו זיי,
און וויינען... וויינען...
ביז צום אויסגעהן...

— — — — —

ביי

# שאוב בראָדערס

## אינטערנאציאנאלע בוך-סטאָר, 174 טשיימבערס סט. באסטאן

איז צו בעקומען

# דיא בעסטע ביכער

אין פערשיעדענע שפּראכען, איבער אלע צווייגען פון געזעלשאפטליכען לעבען: נאטור־וויסענשאפט, געשיכטע, קונסט, דראמא, פּאָעזיע און ליטעראטור פון בעסטען זאָרט. אויך געפינט איהר ביי אונז צו יעדער צייט דיא וויכטיגסטע ביכער צו שטודירען

# סאָציאלע וויסענשאפטען

אוים פערשיעדענע שטאנדפונקטען, פון די גרעסטע דענקער פון אונזער צייט.

# לעהרע-ביכער

אלערליי מעטהאָדעס צו לערנען פערשיעדענע שפּראכען: ענגליש, דייטש, פראנצויזיש, רוססיש, א. ז. וו.

# ווערטער-ביכער

אין אלע מאָדערנע שפּראכען.

# א גרויסער אויסוואַהל

פון סאָציאליסטישע, אנארכיסטישע, נאציאָנאליסטישע און אנדערע מאדערנע איסטישע בראָשורען און ביכער צו ביליגסטע פּרייזען.

# ביכער צו לעזען

א גרויסען סטאק פון ביכער, וועלכע מיר געבען צו לעזען פאר א קליינעם פּרייז.

---

ווען איהר ווילט עטוואס פון דיא אויבענדערמאָנטע זאכען און איהר וואָהנט צו ווייט, דאן ווענדעט זיך צו אונז שריפטליך און מיר וועלען עס באלד אטענדען ביי פּאָסט אדער עקספּרעס.

---

אָרגאניזאציאנען בעקומען איין גוטען דיסקוינט.

זיג. קייטץ, יוניאן פרינטער
174 האנאווער סטריט
באסטאן, מאסס.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL BOSTON 30